# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע״י כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:47
מוצאי שב״ק....................7:16

**שיעורים כסדרן**
נ״ך.....................יהושע י״ג-י״ד
בבלי...............ראש השנה י״ד
ירושלמי....................גיטין י״ב
תוספתא...................כתובות ב׳
רמב״ם............איסורי מזבח ד׳

פרשת וירא, י״ז חשון, שנת תשפ״ב לפ״ק — שנה 11, גליון 8 (523)


# אַ וָואָרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

קַח נָא אֶת בִּנְךָ אֶת יְחִידְךָ אֲשֶׁר אָהַבְתָּ אֶת יִצְחָק, אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר דִי ״עֲקֵדַת יִצְחָק״, דֶער נִסָּיוֹן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן גֵיין שֶׁחְטְ׳ן זַיין אֵיינְצִיג בַּאלִיבְּט זוּן יִצְחָק, אוּן עֶר אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען צוּ טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְ׳ן גְרֶעסְטְן מְסִירוּת נֶפֶשׁ. לִכְאוֹרָה אִיז אָבֶּער שְׁוֶוער פַארְוָואס רוּפְט מֶען אָן דִי עֲקֵדָה מִיט דֶעם נָאמֶען, ״עֲקֵדַת יִצְחָק״, פַארְוָואס זָאל עֶס נִישְׁט הֵייסְן ״עֲקֵדַת אַבְרָהָם״, דֶער נִסָּיוֹן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז דָאךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, גָארְנִישְׁט וֵויינִיג פוּן דִי נִסָּיוֹן פוּן יִצְחָק, אַז אַבְרָהָם אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען זַיינֶע גֶעפִילְן פוּן רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין אֵיינְצִיג זוּן צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען נָאךְ הוּנְדֶערְט יָאר?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ל״ט) אוֹיף דֶעם וָואס חֲזַ״ל זָאגְן (עֵירוּבִין י״ג:) ״נֹחַ לוֹ לְאָדָם שֶׁלֹּא נִבְרָא יוֹתֵר מִשֶּׁנִּבְרָא״, סְ׳וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען פַאר אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט בַּאשַׁאפְן צוּ וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (קֹהֶלֶת ד׳, ג׳) ״וְטוֹב מִשְּׁנֵיהֶם אֵת אֲשֶׁר עֲדֶן לֹא הָיָה״, סְ׳אִיז בֶּעסֶער פַאר דֶעם וָואס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיב אַזוֹי אִיז דָאךְ שְׁוֶוער פַארְוָואס טַאקֶע הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיב סְ׳וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען וֶוען נִישְׁט?

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, לוֹיט דִי צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, לוֹיט וִויפִיל יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין לֶעבְּן, יֶעדֶער מִיט זַיין פֶּעקְל צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, וָואלְט טַאקֶע בֶּעסֶער גֶעוֶוען נִישְׁט גֶעבּוֹירְן צוּ וֶוערְן, אָבֶּער אוֹיף עוֹלָם הַבָּא לוֹינְט זִיךְ יָא בַּאשַׁאפְן צוּ וֶוערְן, וַוייל כְּדֵי צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע תַּעֲנוּגִים פוּן יֶענֶע וֶועלְט, מוּז מֶען קוֹדֶם דוּרְכְגֵיין דִי שְׁוֶוערֶע וֶועלְט, זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן ווִי מֶער מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי פִילֶע גוּטְס וָואס מְ׳וֶועט זוֹכֶה זַיין אִין עוֹלָם הַבָּא. קוּמְט אוֹיס אַז סְ׳אִיז יָא גוּט אַז מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ דָא אִין דֶעם שְׁוֶוערְן וֶועלְט, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּ אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן שְׁפֶּעטֶער.

דֶער תַּכְלִית פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז נָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל צוּקוּמֶען צוּ זַיין אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶועריְקֵייטְן וָואס מְ׳גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיז אוֹיךְ נָאר פַאר דֶעם צְוֶועק, צוּ זֶען אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַנְטְלוֹיפְן ׳פוּנֶעם׳ אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער עֶר וֶועט לוֹיפְן ׳צוּם׳ אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד הָאט שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטֵייט אַז דִי אַלֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער זֶענֶען נָאר נִסְיוֹנוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין רוּפְט אִים מִיט דִי אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר וֶועט אַלְץ לוֹיפְן צוּ אִים אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּ אִים, דַאן וֶועלְן דִי אַלֶע צָרוֹת זַיין נָאר אַ מִיטְל וָואס בְּרֶענְגְט אִים צוּם רֶעכְטְן תַּכְלִית, נָאךְ נֶענְטֶער צוּ וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם אִיז רֶבִּי נָתָן מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁבוּעוֹת, הֲלָכָה ב׳, אוֹת ח׳) דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. וַוייל לִכְאוֹרָה אִיז בַּיי דֶעם אוֹיךְ שְׁוֶוער דִי זֶעלְבֶּע קַשְׁיָא, אוֹיב אִיז בֶּעסֶער פַאר אַ מֶענְטְשׁ בִּכְלָל נִישְׁט גֶעבּוֹירְן צוּ וֶוערְן, דַאן פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז אַזוֹי אָנְגֶעוָוארְנְט מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי עֶלְטֶערְן, וָואס זֵיי הָאבְּן אוּנְז אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אַזַא שְׁוֶוערֶע וֶועלְט, וואוּ יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹיפִיל? אָבֶּער אוֹיב נוּצְט מֶען אוֹיס דִי וֶועלְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נָאר צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט זִיךְ זִיכֶער יָא גֶעלוֹינְט בַּאשַׁאפְן צוּ וֶוערְן, אַז מְ׳זָאל קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּם תַּכְלִית, צוּ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הֲנָאָה פוּן חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא.

וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען שֶׁחְטְ׳ן זַיין זוּן יִצְחָק אוֹיפְ׳ן בַּאפֶעל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז שׁוֹין יִצְחָק גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זִיבְּן אוּן דְרַייסִיג יָאר אַלְט, אוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען מִיט הוּנְדֶערְט יָאר עֶלְטֶער פוּן אִים. יִצְחָק וָואלְט גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן אוּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן זַיין טַאטֶע, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פִירְן צוּ דִי עֲקֵדָה. אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (וַיֵּרָא ק״ג:) אַז יִצְחָק וָואלְט גֶעקֶענְט גֶעבְּן אַ שְׁטוֹיס פַאר זַיין טַאטֶע אוּן אַזוֹי זִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן דִי עֲקֵדָה, עֶר הָאט אָבֶּער זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ טוּן דִי ווִילְן פוּן זַיין טַאטֶע. דָא שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס דִי גֶעוַואלְדִיגֶע כִּיבּוּד אָב פוּן יִצְחָק, נִישְׁט נָאר וָואס עֶר אִיז נִישְׁט אַנְטְלָאפְן אָדֶער זִיךְ גֶעקְרִיגְט, נָאר עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֵיילִיכֶערְהֵייט מִיט זַיין טַאטֶע, גְרֵייט צוּ וֶוערְן גֶע׳שָׁחְטְ׳ן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין טַאטֶע עֶר זָאל אִים גוּט צוּבִּינְדֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען רִירְן, אַז דֶער קָרְבָּן זָאל נִישְׁט פָּסוּל וֶוערְן.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי מַדְרֵיגָה פוּן יִצְחָק אָבִינוּ אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב אִיז גֶעוֶוען גָאר הוֹיךְ אוּן גְרוֹיס, עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, מִיטְ׳ן צִיל אָנְצוּקוּמֶען צוּם תַּכְלִית פוּן יֶענֶע וֶועלְט, אוּן דֶערְפַאר וֶוערְט דֶער נִסָּיוֹן אָנְגֶערוּפְן ״עֲקֵדַת יִצְחָק״, אוֹיף דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ פוּן יִצְחָק צוּ גֵיין צוּ דִי עֲקֵדָה, אוּן אוֹיף זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

אוּן דֶער גְרוֹיסֶער זְכוּת שְׁטֵייט פַאר דִי אִידְן אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת, זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע צָרוֹת, אוּן זֵיי אוֹיסְלֵייזְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי גֶעוַואלְדִיגֶע מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם בִּשְׁלֵימוּת, אוּן צוּקוּמֶען צוּם תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זַיין גֶענְצְלִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעמָאל.

(תּוֹךְ הַנַּחַל וַיֵּרָא תשס״ז)

# מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

## אַ דוּרְכְפַאל

חַזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת ק״כ.) אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַצְלִיחַ נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין זַיין אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ, וַוייל אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וָואס עֶר זָאל יָא טוּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. דֶער דוּרְכְפַאל בְּרֶענְגְט אִים גָאר צוּ זַיין הַצְלָחָה. דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיךְ (גִיטִין מ״ג.) ״אֵין אָדָם עוֹמֵד עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְשָׁל בָּהֶם״ - אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען, נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מֶער אָנְשְׁטְרֶענְגֶען.

דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת. דֶער סְטָאלֶער וֶועט זִיךְ קוֹדֶם פִּיל מָאל גוּט צוּהַאקְן דִי הֶענְט פוּנֶעם הַאמֶער, אֵיידֶער עֶר וֶועט זִיךְ גוּט דֶערְלֶערְנֶען דִי אַרְבֶּעט. ווִי לַאנְג עֶלֶעקְטָארִישָׁאן וֶועט זִיךְ גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען זַיין פַאךְ, וֶועט עֶר אוֹיפְ׳ן וֶועג נָאךְ כַאפְּן שְׁטַארְקֶע עֶלֶעקְטְרִיק-שַׁאקְס. אוּן אוֹיב וֶועלְן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן זֵייעֶר דוּרְכְפַאל אוּן הוֹיבְּן דִי הֶענְט, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין. אוֹיב אָבֶּער וֶועלְן זֵיי נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל אַלְס אַ לֶעקְצִיֶע צוּ ווִיסְן פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וֶועט דָאס זַיין דֶער סוֹד פוּן זֵייעֶר הַצְלָחָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת. וֶוען אַ

<<<<<<

# א גוט ווארט

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת

דָאס אִיז וָואס הַאלְט אַ אִיד אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, מֶען דַארְף זֵייעֶר נִזְהָר זַיין אִין דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ח). מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אִיז מְסוּגָּל פַאר פַּרְנָסָה; קֶען זַיין פְּשַׁט, אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי, מֶען דַאוֶוענְט - וֶועט מֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה, אוּן אַז מֶען שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג אַרַיין - ווִי קֶען מֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה? אוֹיךְ שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דִי וַוייבּ זֶעט דֶעם מַאן שְׁלָאפְן בִּיזְ׳ן טָאג אַרַיין, נוּ וָואס קֶען מֶען עֶרְוַוארְטְן...

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תשפ״ב)

>>>>>>

אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין זַיין עֲבוֹדַת ה׳, דַאן טָאר עֶר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ דוּרְכְפַאל. נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶערְפוּן פַאר שְׁפֶּעטֶער, אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם הוֹיבְּט זִיךְ נָאר אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. מֶען הַאלְט אִין אֵיין הַאלְטְן קָאפּ וָואס דֶער צְוֵוייטֶער וֶועט זָאגְן צוּ מִיר. אוּן דַאן, וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג, וֶוערְט מֶען גְלַייךְ צוּקְלַאפְּט "אוֹי וֵויי, יֶעצְט וֶועט יֶעדֶער זֶען אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְט". אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן דֶערוֹיף. עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קוּקְן אָדֶער קְרוּמֶען אוֹיף אִים, וֶועלְן אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. אוּן אוֹיבּ וִויל עֶר מַצְלִיחַ זַיין דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּקְרַאצְן פוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוּן זָאגְן אוֹיף אִים. נָאר נוּצְן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוֹיף זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט בִּיז עֶר וֶועט סוֹף כָּל סוֹף מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְ׳ן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט׳) אַז דֶער חָכָם הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקוּקְט וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק גֶעקוּקְט צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן אִים, אוּן כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, אִיז עֶר צוּם סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ טִיפֶע גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע. ווִידֶער דֶער תָּם אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט דִי מַעֲלָה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם?", אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר טַאקֶע גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

## אַ הִילְף צוּ גֵיין

מִיר זֶעעֶן בְּגַשְׁמִיּוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אוּן צוּקְלַאפְּט זִיךְ, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דַאן וֶועט עֶר זוּכְן אוּן בֶּעטְן הִילְף פוּן אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ הַאנְט אוּן אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בְּרוּחֲנִיּוּת אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְהוֹיבְּן, עֶר זֶעט אַז עֶר פַאלְט אוּן פַאלְט, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל אִים קֶענֶען גֶעבְּן אַ הַאנְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מְקוּשָּׁר צוּ אַ צַדִּיק, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. דֶער אֱמֶת׳עֶר צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן קֵיינְמָאל. מֶען דַארְף נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן צַדִּיק וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְן אוּן גֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן דֶעם רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס קֶען אִים טַאקֶע הֶעלְפְן. אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי׳ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ אַז עֶר אִיז לַיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיס, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס פַארֶעכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

זַיין רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז גָאר שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ הֶעלְפְן, נָאר עֶר וָואלְט אִים גֶע׳עֵצָה׳ט אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן "חֲזוֹן אִישׁ", נָאר עֶר וֶועט אִים קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער אִיד אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי׳ן אַז נָאר דָאס זָאל עֶר נִישְׁט הֵייסְן, וַוייל דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אִיז אִים אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ גֵיין צוּם חֲזוֹן אִישׁ צוּ בֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אִים. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט דֶער אִיד מִיט אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי׳ן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט.

וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם חֲזוֹן אִישׁ אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ׳ן הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פוּן הַיינְט אָן פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פִירְן נָאר עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין נָאר אוֹיף גוּטֶע וֶועגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה בְּרוּרָה".

דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי׳ן אוּן אִים גֶעדַאנְקְט פַארְ׳ן שִׁיקְן צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים מִיטְ׳ן מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְפִּיד צוּ זַיין אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין וִוי מֶען דַארְף, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ, דַארְף נָאר גֶענוּצְט פַארְ׳ן צְוֶועק זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיף פַארְקֶערְט ח״ו, צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן. אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אַלֵיין בַּאוַוייזְן, דַאן דַארְף מֶען זוּכְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק וָואס זָאל לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט עֶר זִיכֶער שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ט״ו עֶרֶךְ נְפִילָה, וְחֵלֶק ד׳ עֶרֶךְ כִּשָּׁלוֹן וְעֶרֶךְ צַדִּיק)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## בַּאנֵיי זִיךְ, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; בַּאנֵיי זִיךְ, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ זִיךְ צוּ צֶעקְלַאפְּן, עֶס אִיז אַ קוּנְץ זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי׳ן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֶ׳עֶר אִיד וָואס הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט קַבָּלָה מַעֲשִׂיּוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ״ל אִיז זֵייעֶר שַׁארְף מֶען זָאל נִישְׁט עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם וַוייל מִיר זֶענֶען טְמֵאֵי מֵתִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט הַיינְטִיגֶע צַייטְן דִי אֵפֶר פָּרָה אֲדוּמָּה, מִמֵּילָא טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאנוּצְן מִיט דֶעם וַוייל מֶען לֵייגְט זִיךְ אַרַיין אִין אַ סַכָּנָה (עַיֵּין בְּסֵפֶר שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה לְרַבִּי חַיִּים וִיטַאל זצ״ל, חֵלֶק ג׳ שַׁעַר ו׳). דֶער אִיד הָאט זִיךְ יָא בַּאנוּצְט מִיט דֶעם, וֶוען חֲסִידִים הָאבְּן דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זֵייעֶר רֶבִּי הָאט יֶענֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים מַאכְן אַ מַשְׁכַּנְתָּא, מֶען זָאל אִים אַרוּם נֶעמֶען מִיט אַ קְלֵייד אוּן אִים גוּט שְׁלָאגְן וְכוּ׳, דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעפָאלְגְט זֵייעֶר רֶבִּי אוּן דֶער אִיד אִיז מַמָּשׁ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַצְבוּת, מֵאִגְרָא רָמָא לְבִירָא עֲמִיקְתָא אוּן עֶר אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ. דִי מִשְׁפָּחָה הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּן, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ אַלֶע רַבָּנִים, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם אִיד פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ קוּנְץ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אַ אִיד? אַ קוּנְץ אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַ אִיד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עֶר הָאט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

דִי וֶוערְטֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי פַאר אוּנְז אַלֶע: "עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ זִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, עֶס אִיז אַ קוּנְץ זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן!" הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי, דוּ קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ וֶועסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין פָּשׁוּטֶ׳ע שְׁפְּרַאךְ, אוּן זָאגְן תְּהִילִים מִיט מִשְׁנַיּוֹת - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אִיךְ הָאבּ דִיר נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַרַיינְלוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַזַא פְרִישְׁקַייט, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ זִיצְן מִיט אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע תַּלְמִידִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשפ״ב)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵייליגְן רֶבִּי'ן (קכא)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס אַז מְ'קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן דִי גַאנְצֶע דַאוְונֶען, נָאר יֶעדֶער כַאפְּט אַן הִתְעוֹרְרוּת בַּיי אַן אַנְדֶערֶע פְּלַאץ בַּיים דַאוְונֶען.**

און אֲפִילוּ וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַז מְ'פְּרוּבִּירְט אִינְזִין צוּ הָאבְּן דָאס דַאוְונֶען און עֶס גֵייט בִּכְלַל נִישְׁט, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וַוייל דֶער כְּלַל אִיז אַז מְ'טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט פוּן קַיין שוּם זַאךְ, זָאל זַיין וָואס ס'זָאל נָאר זַיין. אֲפִילוּ מְ'קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן קַיין אֵיין וָוארְט, זָאל מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי אַ קִינְד דַאוֶונְט אִין חֵדֶר, אַזוֹי זָאל מֶען זָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט פָּשׁוּטֶ'ערְהֵייט, און גֶעוֶוענְלִיךְ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶרְגֶעץ אִינְמִיטְן וֶועט דָאס הַארְץ זִיךְ עֶרְוֶועקְן, מְ'וֶועט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַן הִתְעוֹרְרוּת און אָנְהוֹיבְּן דַאוְונֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. דָאס דַארְף אָבֶּער קוּמֶען נַאטוּרְלִיךְ, מְ'קֶען עֶס נִישְׁט שְׁטֶעלְן אוֹיף אַ פְּרָאבֶּע.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז יֶעדֶער וֵוייסְט בַּיי זִיךְ וִוי וַוייט עֶר אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי סַאךְ עֶר דַארְף זִיךְ נָאךְ פַארְרֶעכְטְן, און דֶערְפַאר אִיז מֶען אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם דַאוְונֶען. דָאס דַאוְונֶען אִיז דָאךְ אַזוֹי הוֹיךְ און גְרוֹיס, נָאךְ הֶעכֶער פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִוי אַזוֹי קֶען אַזַא נִידְרִיגֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן בִּכְלַל אַ שַׁייכוּת מִיט אַזַא הוֹיכֶע זַאךְ? דֶערְפַאר דַארְף מֶען טוּן כָּאטְשׁ וָואס מְ'קֶען, אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ תְּמִימוּת, "אֲדוֹן עוֹלָם אֲשֶׁר מָלַךְ" וְכוּ', און פְּרוּבִּירְן צוּצוּלֵייגְן אַן אוֹיעֶר צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מְ'זָאגְט, פְּרוּבִּירְן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ קָאנְצֶעטְרִירְן דִי מַחְשָׁבָה אִין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם דַאוְונֶען, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, און אַזוֹי גֵיין וַוייטֶער אִינֶעם דַאוְונֶען צוּ זָאגְן וָוארְט נָאךְ וָוארְט, בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט, בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים שׁוֹין הֶעלְפְן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען אַן הִתְעוֹרְרוּת צוּם דַאוְונֶען.

און אוֹיבּ אִיז מֶען נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם, דֶער גַאנְצֶער דַאוְונֶען אִיז אַרִיבֶּער קַאלְטֶערְהֵייט, וָואס קֶען מֶען טוּן? אוֹיבּ אִיז עֶר זוֹכֶה, קֶען עֶר אֶפְשָׁר נָאכְ'ן דַאוְונֶען זָאגְן עֶפֶּעס אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אָדֶער אַן אַנְדֶערֶע תְּחִינָה און בַּקָשָׁה, מִיט כַּוָונָה.

**תנז**

שַׁבָּת פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שַׁבָּת שְׁקָלִים, כ"ז שְׁבַט, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֵוייזְלְט אִין שְׁטָאט טִירְהָאוִויצֶע, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט דָארְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ"א, א') "וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים" (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י').

נָאךְ שַׁבָּת הָאט רֶבִּי נָתָן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דִי תּוֹרָה, און דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט, וַוייל מֶען שְׁמוּעֶסְט אַז מְ'גֵייט יֶעצְט מַאכְן גְזֵירוֹת אוֹיף אִידְן חַס וְשָׁלוֹם, און יֶעצְט דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ דָאךְ דִי פּוּרִים טֶעג, אִידְן גֵייעֶן טַאנְצְן און קְלַאטְשְׁן, און מִיט דֶעם וֶועלְן זֵיי מַמְתִּיק זַיין דִי דִינִים". און דֶער רֶבִּי הָאט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְגֶע'חַזְרְ'ט זַיינֶע רֵייד זָאגְנְדִיג קְלָאר, "אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְמִיט אוּנְז גֶעוָואלְט קְלָאר שְׁטֶעלְן אַז מִיר זָאלְן וִויסְן און פַארְשְׁטֵיין אַז דִי תּוֹרָה וָואס עֶר זָאגְט, כָּאטְשׁ וָואס ס'לִיגְט דֶערִין גָאר טִיפֶע און הוֹיכֶע זַאכְן, גָאר גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת הַתּוֹרָה לִיגְן אוּנְטֶער יֶעדֶעס וָוארְט, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז זַיין עִיקָר צִיל אַז מִיר זָאלְן מְקַבֵּל זַיין און פָּאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט מִיט אַ תְּמִימוּת פָּשׁוּטֶ'ערְהֵייט, צוּ טוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה.

**תנח**

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט קַיין בְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן אִיז דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעוֶוען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פִילֶע שְׁמוּעֶסְן און תּוֹרוֹת, און עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַיֶּה גֶעוֶוען.

**תנט**

נָאנְט צוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אוֹיף דִי חֲתוּנָה פוּן זַיין טָאכְטֶער שָׂרָה, וָואס דֶער דַאטוּם פוּן דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁטִימְט אוֹיף רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן.

רוֹב אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן בַּאגְלֵייט דֶעם רֶבִּי'ן בִּיזְ'ן שְׁטָאט לִינִיץ, און

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וָואס טוּ אִיךְ וֶוען מַיין בָּחוּר קְרִיטִיקִירְט מִיךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר, מַיין זוּן - אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער בָּחוּר - שְׁרֵייט אוֹיף מִיר און קְרִיטִיקִירְט מִיךְ אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, וָואס עֶר קֶען טְרֶעפְן אַז אִיךְ פִיר זִיךְ עֶפֶּעס נִישְׁט אוֹיף וִוי דִי הֲלָכָה אִיז לוֹיט זַיין פַארְשְׁטַאנְד, וֶועט עֶר מִיר גְלַייךְ פָארְהַאלְטְן, און עֶר הַאלְט מִיךְ אִין אֵיין אַוֶועקְמַאכְן. אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, וָואס טוּ אִיךְ?

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּרָכָה, י"ג תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הָאסְט זִיךְ אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט אוֹיפְגֶעוֶועקְט; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גָאר קְלֵיין, וֶוען זֵיי זֶענֶען צְוֵויי יָאר, דְרֵיי יָאר, פִיר יָאר - דֶעמָאלְט אִיז צַייט זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ טַאטֶע מַאמֶע.

זֵייעֶר אַסַאךְ מַאכְן דֶעם טָעוּת, מֶען לָאזְט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוֹיפְוַואקְסְן קְרוּם, מֶען לָאזְט זֵיי עֶנְטְפֶערְן דִי עֶלְטֶערְן מִיט חוּצְפָּה, מֶען זָאגְט 'יֶעצְט זֶענֶען זֵיי נָאךְ קְלֵיין, מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין', און שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף - הָאט מֶען צַעַר פוּן זֵיי.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט נָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ שׁוֹין אָנְהֵייבְּן זֵיי מְחַנֵךְ זַיין וִוי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ טַאטֶע מַאמֶע; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כג, יג-יד): "אַל תִּמְנַע מִנַּעַר מוּסָר", הַאלְט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק פוּן זָאגְן מוּסָר פַאר דַיין קִינְד וֶוען עֶר אִיז יוּנְג, "כִּי תַכֶּנּוּ בַשֵּׁבֶט, לֹא יָמוּת", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא אִים צוּ שְׁלָאגְן, עֶר וֶועט נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן אַ פַּאטְשׁ, "אַתָּה, בַּשֵּׁבֶט תַּכֶּנּוּ", דוּ זָאלְסְט אִים שְׁלָאגְן, "וְנַפְשׁוֹ, מִשְּׁאוֹל תַּצִּיל", אַזוֹי וֶועסְטוּ אִים רַאטֶעוֶוען פוּן גֵיהִנוֹם.

יוּנְגֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע, קִינְדֶער דַארְפְן וִויסְן אַז אַ טַאטֶע זָאגְט יָא אִיז יָא, אַז אַ מַאמֶע זָאגְט נֵיין אִיז נֵיין, און אַז דָאס קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט - גֶעבְּט מֶען קְלֵיינֶע פֶּעטְשֶׁעלֶעךְ, אַזוֹי רַאטֶעוֶועט מֶען דָאס קִינְד פוּן שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גֶעזוּנְט.

יֶעצְט מִיט דַיין בָּחוּר אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט, יֶעצְט דַארְפְסְטוּ שׁוֹין אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה; וֶוען עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט אַזוֹי רֶעדְן צוּ אַ טַאטֶע".

גְרִינְגֶער וֶועט דִיר זַיין זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר דַיין וַוייבּ; וֶוען דוּ הֶערְסְט אִים רֶעדְן נִישְׁט שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, זָאלְסְטוּ אִים בַּאמֶערְקְן דֶערוֹיף און זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ מַאמִי", און דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר הֶעלְפְן, וֶוען זִי הֶערְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּ דִיר נִישְׁט שֵׁיין וֶועט זִי אִים זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ טַאטִי"; אִין יֶעדֶע פַאל זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי צוּ אַ טַאטֶע".

חִינוּךְ אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוען מֶען זֶעט זִיךְ מִיט קִינְדֶער מְחוּצָפִים, עַזּוּת פָּנִימְ'עֶר - וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וֶוער אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, רוֹב מָאל אִיז דָאס דִי עֶלְטֶערְנְ'ס פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער, און וֶוען מֶען זֶעט קִינְדֶער בַּעֲלֵי דֶרֶךְ אֶרֶץ - אִיז דִי קְרֶעדִיט דִי עֶלְטֶערְנְ'ס. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, א): "בֵּן חָכָם", אַ קְלוּג קִינְד, "מוּסַר אָב", אִיז וַוייל עֶר הָאט אַ טַאטֶע וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, "וְלֵץ", און קִינְדֶער וָואס זֶענֶען לֵצִים, "לֹא שָׁמַע גְּעָרָה", אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין גֶעשְׁרֵיי, נָאךְ זָאגְט עֶר (שָׁם כב, טו): "אִוֶּלֶת, קְשׁוּרָה בְלֶב נָעַר", קִינְדֶער זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן מִיט נַארִישֶׁע נַאטוּרְן, "שֵׁבֶט מוּסָר, יַרְחִיקֶנָּה מִמֶּנּוּ", מִיט שְׁטְרָאף נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי נַארִישְׁקֵייטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרָכָה תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

אוֹיךְ רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט אַרַיין צוּ הָרַב הַקָּדוֹשׁ רַבִּי גְדַלְיָ׳ מְלִינִיץ זי״ע, עֶר הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן דִי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד. דֶער רֶבִּי אִיז דַאן אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט גֶעזָאגְט תּוֹרָה.

פוּן דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן וַוייטֶער מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען צוּם שְׁטָאט נֶעמִירוֹב.

**תס**

דֶערְנָאךְ הָאט דָאס הַארְץ אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאגְן פַאר רֶבִּי נָתָן, "וְוי אַזוֹי קֶען זַיין אִיךְ זָאל נִישְׁט זֶען דֶעם רֶבִּי׳ן פַאר אַזַא לַאנְגֶע צַייט? וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ עֶרְלוֹיבְּן נִישְׁט צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף פוּרִים?", עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאבְּן גָאר שְׁטַארְק רְצוֹנוֹת אוּן גְלוּסְטֶענִישְׁן צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע. אוֹיךְ הָאט עֶר זַייעֶר גֶעוָואלְט מִיטְהַאלְטְן דִי חֲתוּנָה פוּנֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער.

עֶר הָאט אָבֶּער פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר וֶועט הָאבְּן דֶערוֹיף גָאר שְׁטַארְקֶע מְנִיעוֹת אִינְדֶערְהֵיים, סְפֶּעצִיעֶל אַז עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים פַאר אַסַאךְ וָואכְן, אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט דָאס גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן.

צוּם עֶרְשְׁט הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט פַארְקוֹיפְן דִי שְׁטֶערְן-טִיכְל פוּן זַיין וַוייבּ, צוּ הָאבְּן גֶעלְט פַאר דִי וֶועג, אָבֶּער זַיין חַבֵר ר׳ לִיפָּא הָאט אִים גֶע׳עֵצָה׳ט עֶר זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, וַוייל דָאס וֶועט זִיכֶער בְּרֶענְגֶען אַ גֶט, וַוייל זִי וֶועט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמֶען, זִי וֶועט נִישְׁט הָאבְּן מִיט וָואס צוּ גֵיין אִין שׁוּל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעטְרַאכְט צוּ גֵיין צוּ זַיין מוּמֶע אִין בַּארְדִיטְשׁוּב. דִי מוּמֶע, זַיין מַאמֶע׳ס שְׁוֶועסְטֶער, אִיז גֶעוֶוען אַ רַייכֶע פְרוֹי, זִי הָאט גֶעפִירְט גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן, זִי הָאט גֶעהַאט עֶטְלִיכֶע סָארְט גֶעוֶועלְבְּן פוּן פַארְשִׁידֶענֶע סְחוֹרוֹת, אוּן זִי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן רֶבִּי נָתָן, זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, אוּן זִי הָאט אִים גֶערֶעכְנְט וְוי אִיר׳ס אַ זוּן. זִי הָאט אַלְץ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז רֶבִּי נָתָן זָאל אַרְבֶּעטְן פַאר אִיר, צוּ פִירְן דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת אוּן הַאלְטְן אוֹיפְזִיכְט אוֹיף דִי אַרְבֵּייטֶער אוּן בַּאדִינֶער, אוּן זִי וֶועט אִים אוֹיסְהַאלְטְן מִיט אַלֶע זַיינֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אוּן עֶר וֶועט נָאךְ אוֹיךְ קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען, אַזוֹי וְוי עֶר וִויל.

רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן בִּכְלַל אוֹיף קַיין שׁוּם וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, סְפֶּעצִיעֶל נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, זַיין הַארְץ הָאט נָאר גֶעבְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער יֶעצְט הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אִינְדֶערְהֵיים אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין בַּארְדִיטְשׁוּב פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן, צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דִי אַרְבֶּעט בַּיי דִי מוּמֶע, צוּ זֶען אוֹיבּ סְ׳אִיז גוּט פַאר אִים.

פַאר זַיין וַוייבּ אוּן פַאר זַיין טַאטֶע אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן דֶעם פְּלַאן, זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶעגְרֵייט וַוארֶעמֶע קְלֵיידֶער מִיט צֵדָה לַדֶרֶךְ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי״ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## אנשי שלומינו רופן זיך אן ווארעם צום "המזכים"

## קאמפיין לטובת דעם נייעם בנין פאר׳ן קרן הדפסה

אנשי שלומינו נעמען אויף מיט גרויס ווארעמקייט די עסקנים פון קרן הדפסה וואס זענען עוסק טעג און נעכט מיט דרוקן די הייליגע קונטרסים און ספרים, וואס ווערט פארשפרייט אויף די גאנצע וועלט, און זענען לעצטנס אריינגעשפרינגען אינעם טייערן פראיעקט אפצוקויפן א פרישע געביידע פאר די דרוקעריי, וואס וועט ערמעגליכן ארויפצוברענגען דעם הדפסה מיט נאך עטליכע שטאפלען ארויפצו, און אזוי ארום קענען נאכקומען דעם גרויסן פארלאנג פון די מפיצים וועלכע לאזן נישט נאך, און בעטן און פארלאנגען נאך און נאך קונטרסים, גליונות און ספרים, צו פארפלייצן און פארשפרייטן איבעראל אויף דער גאנצער וועלט וואו נאר עס געפונען זיך אידישע קינדער.

מען זעט פון טאג צו טאג ווי די פארלאנג פאר די הייליגע ספרים, קונטרסים, און סידים ווערט כסדר נאר גרעסער און שטערקער, פילע פרישע מקורבים ווערן אליינס מפיצים, אזוי אז מען דארף שוין דרינגנד אריינשפרינגען אינעם נייעם פראיעקט כדי צו קענען נאכיאגן דעם גרויסן פארלאנג, וויבאלד דער גרויסער בנין פון קרן הדפסה אונטערן בית המדרש איז שוין פשוט צו קליין געווארן.

ברוך השם אנשי שלומינו רופן זיך אן ווארעם, און מען באשטייערט שיינע סכומים פאר׳ן מולטי מיליאן דאלער פראיעקט. בעלי יכולת קויפן זיך גרעסערע זכותים, א שטייגער ווי דער שם הבנין וואס מען קען האבן פאר **$250,000**, דער גרויסער חדר הדפסה פאר **$50,000** (שוין פארקויפט), דער קלענערער חדר הדפסה פאר **$36,000**, אדער א שער הבנין פאר **$25,000** (5 שערים - צוויי זענען שוין פארקויפט).

עס דארף אנגעמערקט ווערן, אז פילע זכותים זענען שוין פארקויפט געווארן, און עס ווערט אויספארקויפט יעדן טאג מער און מער. כאפט אריין ווילאנג מען קען נאך, ווייל דאס איז אן איינמאליגע געלעגנהייט פאר די געוואלדיגע זכותים וואס מאכט זיך נישט יעדן טאג.

מען זעט ווי אנשי שלומינו שטרענגען זיך אן יותר מכפי היכולת און מען קויפט זיך זכותים נצחיים, ווי אבני היסוד פאר **$10,000**, אבני זהב פאר **$5,000**, אבני כסף פאר **$1,800** און אבני נחושת פאר **$500**.

צו קויפן א זכות קען מען רופן אין קרן הדפסה אויף **718-387-2691** עקסט **103**, אדער אויף אימעיל newbuilding@kerenhadfusa.org.

**שפה ברורה לקרוא כולם בשם ה׳!**

***

# בית התבשיל היכל הקודש העלפט ארויס פילע אידן

איינע פון די שענסטע שטיינער אויפ׳ן קרוין פון "היכל הקודש" איז בלי ספק דער "בית התבשיל" וואס ווערט אנגעפירט דורכ׳ן איבערגעגעבענעם עסקן לכל דבר שבקדושה מו״ה שלמה יאקאבאוויטש הי״ו.

איינע פון די ספעציעלע גאנציעריגע פראיעקטן פונעם בית התבשיל "מפעל עונג שבת ויום טוב" וואס שטעלט צו גאנצע שבת ארדערס פאר פילע כלי קודש, בני תורה און עניים. וואס באשטייט פון אלעם וואס מ׳דארף לכבוד שבת: גרעיפ דזשוס, פיש, פלייש, חלות, קעיק, פרוכט, דיפס, פערפל, לאקשן, קוגל, נאש, א.א.וו. בהרחבה גדולה, אז די תלמידי חכמים און נויטבאדערפטיגע זאלן האבן פון אלעם גוטן און קענען לערנען בהרחבת הדעת.

אויך שטעלט דער בית התבשיל צו יעדע וואך פילע חלוקות פון פילע געשמאקע מאכלים, חלות, קעיק און אלע אנדערע מאכלי שבת קודש, פאר ווער עס וויל נאר.

אזוי אויך איז דא עטליכע מאל א יאר גרעסערע חלוקות לכבוד יום טוב, ווי עס ווערט פארטיילט אסאך מאכלים ווי גרעיפ דזשוס, גרינצייג, פיש, פלייש, מילכיגס און נאך אין די ווערד פון צענדליגע טויזנטער דאלארן.

דער בית התבשיל איז דער אדרעס פאר פילע נצרכים, זיי מאכן זיכער מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף אז ס׳זאל אלץ זיין א שפע פון עסן פאר אידישע קינדער.

מוהרא״ש זי״ע ביי שיעורים פלעגט גאר שטארק רעדן פון די גרויסע מצוה פון אויפשטעלן און שטיצן א בית התבשיל וואס געבט צו עסן פאר הונגעריגע.

דער בית התבשיל האט א וועכנטליכע בודזשעט פון **$2,500** און ביי די ימים טובים איז דער בודזשעט איבער **$10,000**, וואס ווערט צוזאם געשטעלט כסדר פון נדבות פון אנשי שלומינו וואס האבן די ווארעמקייט און געפיל צו געבן צו עסן פאר הונגעריגע אידן.

צו נעמען א חלק אין די גרויסע מצוה קען מען רופן **718-306-2448**

**גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני השכינה!**


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז״ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## א פרייליכער שבת

**ווי אזוי מאכט מען א פרייליכע שבת פאר די גאנצע פאמיליע, יעדער זאל שפירן דעם שבת נועם הנשמות מיט געשמאק**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 1, 15**


## סימן טוב ומזל טוב

מו״ה **בנציון יאקאבאוויטש** הי״ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

## זייט מתפלל!

פאר ר׳ **יצחק בן פייגלא**

**פאר א גאנצע און שנעלע רפואה בקרוב**


**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



**הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע״י מו״ה יענקי פיש הי״ו לע״נ זקינו ישעי׳ בן משה יצחק ז״ל יארצייט כ״א חשון, במאנסי ע״י מו״ה זאב סרולאוויטש הי״ו**



< BreslevCenter.com >